STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11184

GEZAMELTE SHRIFTN

Alice N. Jaffin-Katz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַמלטע שריפטן

געזאמלטע שריפטן

לידער און אַפּשאַצונגען

פון

רוחמה־עלקע יאפין־כץ

(אלישבע)

ניו־יאָרק

תשכ״ט 1968

כל הזכויות שמורות

Residence:
RABBI SHABSE KATZ
3145 Brighton 4th Street
Brooklyn, N. Y. 11235 Apt. 210

הרב ר' שבתי הלוי כץ, רעיתו רוחמה עלקע יאפין ע"ה ובנם חיים יצחק נ"י



מצבת קבורתה של המנוחה בהר המנוחות, בירושלים

דעם אייביקן אָנדענק
מיין ג־טזעליקער פרוי

רוחמה־עלקה יאפין־כץ
ע"ה

אינהאַלט

אַנשטאָט אַ הקדמה / 9

צייט־מאָטיוון

יאָרן / 35
עס יאָגן זיך שטונדן / 36
לעבנס־שפּיל / 37
בין איך מיר אַ מיידעלע / 38
ווי דער שיקזאַל פון מיין פאָלק / 41
דאָס לעבן / 42
נאַכט / 43
יאוש / 44
דער עלנטער / 45
עס גרינט שוין דער וואַלד / 46
רוקט זיך דער זומער / 47
די פיר סעזאָנען / 48
ערגעץ־וואו / 49
שיקזאַל / 50
דער זיג פון אַרבעט / 51
ניו־יאָרק / 52

אידישע מאָטיוון

דער רבי / 57
ביים משניות / 58
כל־נדרי / 60
אַ טייל פון אונזער יוגנט / 61
זיי מוטיק, איד! / 63
שמחת תורה / 64
האָפענונג / 65

בארץ ישראל / 66
עס טאָר אַזוי ניט זיין / 67
דעם פליכטלינגס וויג־ליד / 68

ליבע־מאָטיוון

ביידע / 73
מיידל, פרעג נישט / 74
כ׳בין פאַרליבט / 57
מיין האַרץ באַלאַנגט נאָר דיר אַליין / 76
אַ מיידלס געבעט / 77
גליק / 78
פאַנטאַזיע / 79
מענער / 80
צו אַ פריינט / 81
אויגן / 82
וואַרט נישט... / 83
דער לעבנס־גאַנג / 84
אמא / 85
ימי השבוע / 86
פסח און די באַפרייאונג פון דער פרוי / 88

אַנשטאָט אַ הקדמה

אַ טרער אויפֿן פרישן קבר פון מיין ג׳טזעליקער פרוי רוחמה־עלקע ע״ה

ס׳איז שווער צו רעדן און נאָך שווערער איז צו שרייבן וועגן אַ לעבנס־באַגלייטערין, נאָך 19 יאָר צוזאַמענלעבן בלב ונפש, ממש ווי אין דער תורה שטייט: „ודבק איש באשתו והיו לבשר אחד" (בראשית ב׳, כ״ד). עס ווילט זיך מיר אָבער שטעלן אַן אָנדענק נאָך איר גרויסער, נאָבעלער נשמה, אין דער פאָרם פון אַ זאַמלונג פון אַלץ וואָס זי האָט געשאַפן אין איר לעבן, סיי אין אידיש, סיי אין ענגליש, וואָס ווייזט ווי טיף פאַרוואָרצלט און נשמה׳דיק פאַרבונדן זי איז געווען מיט אונזער אייביק־ליידנדיקן פאָלק ישראל און ארץ־ישראל, און עס זאָל דינען פאַר איר ווי אַ לעבעדיקע מצבה.

∴

איך בין געקומען צו די ברעגעס פון אַמעריקע מיט 21 יאָר צוריק, עלנט און צעבראָכן, נאָך פיר־און־אַ־האַלב־יאָר דורכלעבן אַלע גיהנום׳ס פון היטלערס קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פון וועלכע איך בין בלויז על פי נס אַרויס אַ לעבעדיקער.

אַליין שטאַם איך פון די גרעסטע יחוס׳דיקע משפחות אין דער ליטע. פון איין צד — פון מיין מוטער רבקה — די טאָכטער פון דעם באַוואוסטן גאון הרב ר׳ אליעזר דון־יחייא, לוצינער רב אין לאַטוויע, באַוואוסט אַלס דער „אבן שתיה" דורך זיין הלכה׳שן ספר, וואָס האָט געקראָגן די הסכמות פון ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל, קאָוונער רב, און ר׳ שלמה הכהן, ווילנער דיין זצ״ל. מיין מוטער האָט געצויגן איר יחוס — דור אחר דור — ביז דוד המלך, מיט יחוס־בריוו פון אַלע רבנים־גאונים פון דער שפּאַנישער תקופה — פון דון אברבנאל ביז דוד המלך. דער פאָטער מיינער איז געווען הרב הגאון ר׳ שמריהו הלוי כץ, וויזונער רב, זון פון פּומפּיאַנער רב, נעבן אוטיאַן, ליטע. אין דער

ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען רב אין ווישני וואָלאָטשאָק (רוסלאַנד). צו 20 יאָר איז ער געוואָרן רב מיט אַ תנאי אין כתב־רבנות, אַז מען זאָל אים לאָזן לערנען 10 שעה אַ טאָג און די איבעריקע צייט — פאַר שטאָט־ענינים. איז געווען ממש אַ צדיק תמים. דער זיידע איז געווען הרב ר׳ חיים, פּומפּיאַנער רב (ליטע) און געשטאַמט פון ווילנער גאון.

ר׳ חיים האָט געהאַט זעקס זין, אַלע רבנים גדולים. מיין ברודער איז געווען דער באַוואוסטער פּאַלאַנגער רב, הרב הגאון ר׳ אהרן־יצחק כץ, וועלכער איז אומגעקומען על קידוש־השם דורך די נאַצים נאָך איידער מען האָט אומגעבראַכט די גאַנצע עדה קדושה פון פּאַלאַנגען. מיין ברודער דער בכור, ר׳ לייב־נח כץ, איז אומגעקומען ח׳ חשון, תש״א, צוזאַמען מיט מיין מוטער הרבנית רבקה ע״ה, ווען מען האָט אַרויסגעפירט דאָס גאַנצע שטעטל כצאן לטבח יובל.

אין 1939, דאָס יאָר ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָב איך געהייראַט מיין יוגנט־פריינדין, מאַשאַ לוריע פון ווירבאַלן (ביי דער גרענעץ פון ליטע־דייטשלאַנד). זי האָט געענדיקט גימנאַזיע און איז בכלל געווען זייער געבילדעט. זי האָט געשטאַמט פון אָרעמע אָבער זייער פיינע עלטערן: ר׳ מנחם מאַן און פריידל לוריע. ווען די נאַצים האָבן פאַרנומען קאָוונע (דעם 22טן יוני, 1941) איז אונזער טעכטערל קוים אַלט געווען פינף חדשים. געהייסן האָט זי ש מ ר י ה, אַ נאָמען נאָך מיין פאָטער ז״ל (שמריהו). כאָטש דער נאָמען באַדייט: „היטן", האָט עס איר דאָך נישט אויסגעהיט פון פאַרניכטונג. און געפינענדיק זיך אין דער געטאָ פון סלאָבאָדקע, אַ פאָרשטאָט נעבן קאָוונע, איז זי אומגעקומען אין דער קינדער־אַקציע ג׳ ניסן, תש״ד (26טן מערץ, 1944). איך האָב זיך דאַן געריסן מיטצוגיין מיט איר, האָבן די נאַצישע רוצחים מיך טויטלעך צעבלוטיקט און האָב עטלעכע טעג געשוועבט צווישן לעבן און טויט. מיין פרוי מאַשאַ איז אומגעקומען אין לאַגער שטוטהאָף, נעבן דאַנציג, אין חודש יאַנואַר, 1945, ראש־חודש טבת, תש״ה.

איך בין באַפרייט געוואָרן דעם 30טן אַפּריל, 1945, פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער דאַכאַו. מיר, די עטלעכע הונדערט מענטשן, זיינען שוין געווען מער טויט ווי לעבעדיק. פונקט דאַן איז אָנגעקו־

מען די אַמעריקאַנער אַרמיי און אונז גערּאַטעוועט. איך בין געלעגן אין סיינט עטיליען האָספּיטאַל, נעבן מינכען, ממש אַ גל עצמות, און געוואויגן 90 פונט. געשפּייזט האָט מען מיר דורך די אָדערן. איך האָב זיך כסדר געפונען אויף דער קריטישער ליסטע, און די דאָק־טוירים האָבן אויפגעגעבן די האָפענונג אַז איך וועל בלייבן לעבן.

מיט די לעצטע כוחות בין איך אַוועק פון פאַרשאָלטענעם נאַצי־דייטשלאַנד קיין איטאַליע און דאָרט געלעגן אין פאַרשידענע שפּי־טאָלן, ביז ג־ט האָט געהאָלפן און איך האָב אָנגעהויבן פילן בעסער.

אין בין געקומען קיין אַמעריקע סוף 1946. מיין טאַנטע, מלכה ציוני ע״ה, מיט די קינדער האָבן מיך אַריבערגעבראַכט. אָנגעקומען בין איך אַ צעבראָכענער, אָן אַ היים און אָן משפחה, וועלכע איז אומ־געקומען אין ליטע, לעטלאַנד און פוילן — צוזאַמען איבער 130 נפשות, צווישן זיי 30 רבנים. ג־ט צו דאַנקען וואָס מיין אינגערע שוועסטער תקוה איז באַצייטנס אַוועק אַלס חלוצה פון „בני עקיבא״ קיין ישראל, וזה חלקי מכל משפחתי. מיין שוועסטער איז פאַרהייראַט צום באַ־וואוסטן מחנך פון מוריה־שול אין תל־אביב, ר׳ צבי אזרחי. זיי האָבן ב״ה דריי זין. זיי זיינען די שרידי החרב פון בימי שנות הרם ואבדן.

אָנקומענדיק קיין אַמעריקע האָב איך דאָ אָנגעהויבן אַרבעטן אין „מזרחי״. דאָס איז געווען אַ המשך פון מיין אַרבעט אין ליטע לטובת תנועתנו, ווייל אין ליטע בין איך געווען דער מנהל פון סניף „תורה ועבודה״ אין קאָוונע, ווי אויך פון קיבוץ שח״ל.

מיט אייניקע חדשים שפּעטער האָב איך זיך באַקענט מיט מיין ג־טזעליקער פרוי אַלים יאַפּין, אָדער ווי איר פּען־נאָמען איז געווען: אלישבע. אירע עלטערן, אָרעמע און קראַנקע, זיינען אָבער געווען פיינע אידישע מענטשן. דער פאָטער אירער איז געווען אַ גדול בתורה, אַ בקי בש״ס ופוסקים און געהאַט סמיכת־הוראה. אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען באַוואוסט אַלס דער פּעטראַוויצער עילוי. ער האָט אָבער ניט געוואָלט פאַרנעמען אַ רבנות־שטעלע און כל־ימיו געווען אַ סוחר, און אָרענטלעך נהנה געווען מיגיע כפיו. געהייסן האָט ער ר׳ אברהם יצחק יאַפּין ע״ה. די מוטער, איטע־רייזל בת ר׳ אליהו צבי עפּשטיין, איז געווען ממש אַ צדיקת, אַ כשר׳ע נשמה. זי האָט געשטאַמט פון מענדעלע שטוטשינער. זיי האָבן אויך געשטאַמט

פון השר מאושא און פון דער משפחה אדם הכהן לעבענזאָן, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן גרויסע פּאָעטן אין פּאַריקן יאָרהונדערט.

מיין פרוי, הצדיקת רוחמה עלקע ע"ה, האָט איינגעזאַפּט פון קינדווייז־אָן אַלע גוטע מידות טובות פון אַזעלכע עלטערן. צו 15 יאָר האָט זי געענדיקט היי־סקול, נאָכדעם שטודירט געזעץ אין קאָלאָמביע־אוניווערזיטעט, ווי אויך עקאָנאָמיק און זיך פאַרפולקאָמט אין פאָלגנדע שפּראַכן: שפּאַניש, רוסיש און פראַנצויזיש. זי פאַרבינדט זיך שפּעטער מיטן געוועזענעם „מאָרגן־זשורנאַל". זי שרייבט פּאָעמעס אין אידיש אין „אַמעריקאַנער" (ביילאַגע פון „מאָרגן־זשורנאַל") און אין פאַרשידענע ענגלישע זשורנאַלן, ווי „דזשואיש ספּעקטייטאָר" און אַנדערע. זי שאַפט אַ ליד, אין 1940, וואָס הייסט „אַ פּליכטלינגס וויג־ליד", אין אידיש און ענגליש, מיט מוזיק געשאַפן פון חזן יהושע ווייזער ע"ה, וואָס איז געווען ספּעציעל צוגעפּאַסט צו דער טרויעריקער צייט פון די גירושים אין נאַצי־דייטשלאַנד. דאָס ליד האָט מען דאַן געזונגען אויף דער ראַדיאָ און אויף פאַרשידענע אונטערנעמונגען. זי איז אויך געווען אַ זשורנאַליסטין און גוטער פּובליסיטי־אַגענט. זי ווערט געשיקט צו פאַרשידענע קאָנווענשאָנס, ספּעציעל צו מזרחי־הפועל המזרחי, וואו זי איז אַן איבערגעגעבענער מיטגליד. אירע באַריכטן צייכענען זיך אוים מיט פּינקטלעכקייט און צו דער זאַך. זי איז אויך אַ גוטע רעדנערין און ווייסט ווי פאַרצושטעלן ספּעציעל־וויכטיקע געסט־רעדנער. זי ווערט שפּעטער וויצע־פּרעזידענטין פון „יאָנג איזראַעל" אין ברייטאָן און וויצע־פּרעזידענטין פון דער בית־יעקב ישיבה פאַר מיידלעך אין ברייטאָן. אירע מידות טובות און גרייטקייט צו העלפן דעם געליטענעם און ליידנדיקן איז ניט אָפּצושאַצן. די שטוב איז שטענדיק געווען פול מיט פאַרשידענע מענטשן, וועלכע פלעגן קומען פרעגן אַן עצה. איר ענטפער איז אַלעמאָל געווען קלאָר, צו דער זאַך, און דער ענין פלעגט דערליידיקט ווערן אויפן בעסטן אופן.

∴

איך האָב געהייראַט ערב סוכות, תש"ז (28טן סעפּטעמבער, 1947). די 19 יאָר וואָס איך בין געווען מיט איר פאַרהייראַט זיינען

געווען די גליקלעכסטע יאָרן פון מיין לעבן. זי איז געווען אַ חבר און פריינט אין לעבן, שטענדיק געזאָרגט וועגן מיר כדי צו פאַרשענערן מיין לעבן, מאַכן מיר פאַרגעסן מיינע צרות וואָס איך האָב דורכגע־מאַכט אין „גיא ההריגה". דאָס זעלבע האָב איך געטראַכט וועגן איר. מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט איבערגערעדט און זיך גוט פאַרשטאַנען. זי איז געווען קלוג און אינטעליגענט, און דער עיקר — איר שם־טוב און מידות טובות יקרות. זי האָט מיר געגעבן מוט, דערהויבן מיין געפאַלנקייט וואָס דער שרעקלעכער עבר האָט אויף מיר געלאָזט. איך האָב געפילט, אַז איך ווער צוריק אַ מענטש מיט אַ נאָמען אין דער נייער וועלט, וואו איך האָב מיין נייע היים אויפגעבויט.

אין יאָר תשכ"ו (אָקטאָבער, 1965), צווישן די ימים־טובים, האָט זי זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט. איר מוטער ע"ה איז איר געקומען צו חלום און אָנגעוויזן אַז עטוואָס איז ניט אין אָרדענונג אויף איר ברוסט. זי האָט עס מיר געוויזן. און דערזען האָב איך אַ זאַך וואָס איז ניט נאָרמאַל. זיינען מיר באַלד אַוועק צו אַ דאָקטאָר און יענער האָט געהייסן גלייך אָפּערירן. אַנדערע דאָקטוירים האָבן געהייסן וואַרטן און דערווייל געגעבן „קאָבאַלט־טריטמענט". די לאַגע איז אָבער געוואָרן ערגער. אין נאָוועמבער האָט זי אַגב גע־שאַפן איר באַוואוסטע פּאָעמע „מאַטהער", וועלכע די „דזשואיש פּרעס" האָט געדרוקט, און אין „הצופה" אין ישראל איז דאָס ליד איבערגעזעצט געוואָרן אין עברית. זי האָט, ווייזט אויס, פאָראויס־געפילט דעם אומגליק. אין מערץ, 1966 איז זי אָפּערירט געוואָרן אין „דאָקטאָרס האָספּיטאַל". די ערשטע פּאָר חדשים האָט זי געפילט גאַנץ פיין. אָבער אין אויגוסט האָט זי גענומען פילן שלעכט און איך האָב איר גענומען אין שפּיטאָל. די דאָקטוירים האָבן ניט געגעבן קיין האָפענונג. איך האָב דאָס איר ניט דערציילט און געוואַרט אויף אַ נס מן השמים, אפשר וועט זי נאָך זוכה זיין צו דערלעבן די בר־מצוה פון אונזער בן־יחיד חיים־יצחק נ"י, וועמענס פייערונג מיר האָבן גע־פּלאַנט צו פּראַוון אין ישראל.

איידער זי איז אַריין אין שפּיטאָל, האָט זי מיר געזאָגט: טייערער שבתי, איך האָב נאָך ניט זוכה געווען צו זיין אין ישראל; זאָג מיר צו אַז לאחר מאה שנה וועלן מיר זיין צוזאַמען אין ישראל. איך האָב

פאַרשטאַנען דעם רמז און גלייך גענומען טאָן וועגן אחיזת קבר אויף דעם הר־המנוחות אין ירושלים. די צייט איז דערוויל געלאָפן אין אַנגסט און יסורים. אַכצן שעה אַ מעת־לעת פלעג איך זיין אין שפּי־טאָל ביי איר בעט. אונזער קינד האָט זיך געוואַלגערט אין פרעמדע הײמען. טאַקע גוטע פריינט, אָבער פרעמדע. ער האָט זיך געהאַט אַנגעזען מיט אַ סך צרות אין זיין יונג לעבן און זיך געהאָדעוועט אָן נאָענטער משפחה. זיין באָבע איז געשטאָרבן נאָך יאָרן־לאַנג זיין צוגעשמידט צום קראַנקן־בעט, ווען ער איז קוים פיר יאָר אַלט געווען. איך האָב אַלץ געטאָן כדי אָפּצושרייען דעם גזר־דין. הרב הגאון ר׳ משה פיינשטיין, יבדל לחיים טובים, אונזער מסדר־קידושין; דער סנדק ביי אונזער בן־יחיד, האָט געזאָגט תהלים מיט די בני־הישיבה; צוגעלייגט איר אַ נאָמען רוחמה, ה׳ זאָל זיך מרחם זיין; דער ליוּ־באַוויטשער רבי שליט״א האָט מתפלל געווען, און אין אַלע שולן און ישיבות אין ארץ־ישראל האָט מען תפילה געטאָן, אָבער דער גזר־דין איז שוין געווען גע׳חתמ׳עט.

איר הנהגה אין שפּיטאָל איז געווען צו באַוואונדערן. זי האָט ניט געגעסן אָן געוואַשן, שטענדיק געבעטן אַז דער גוף זאָל זיין ריין צוליב מאַכן אַ ברכה; אויף אויסווייניק געזאָגט תהלים; קיינמאָל ניט פאַרפעלט אין שפּיטאָל צו בענטשן ליכט, טראָץ דעם וואָס ס׳איז גע־ווען פאַרבאָטן. די דאָקטוירים פלעגן מיט איר שמועסן וועגן וויכטיקע מעדיצינישע ענינים, ווייל טראָץ אירע יסורים איז זי געווען שאַרפ־זיניק, פול מיט הומאָר, געטרייסט און געגעבן עצות צו אַנדערע. ווי גליקלעך און צופרידן איז זי געווען, ווען זי האָט גע׳פועל׳ט ביי די דאָקטוירים מ׳זאָל איר לאָזן פאַסטן יום־כפור. פון קראַנקן בעט האָט זי צונויפגערופן אַלע אידישע פרויען און געזאָגט „כל נדרי״ און אַנדערע תפילות אויף אויסווייניק. זי האָט אויך פאַרמאָגט אַ זיסע שטימע, אַ ירושה פון פאָטער ז״ל, וועלכער איז געווען אַ חזן און גוטער בעל־מנגן. זי האָט דאָן איבערגעזעצט דעם געדאַנק פון כל נדרי און די תפילות אין פאַרשידענע שפּראַכן. פרויען וועלכע האָבן קיינמאָל ניט מקיים געווען די מצווה פון הדלקת הנרות, האָבן איר געבעטן אויפשרייבן די ברכות אין ענגליש, ווייל מעתה וועלן זיי בענטשן ליכט.

פונקט ערב סוכות האָט זי געפּילט עטוואָס בעסער, און איך האָב איר געבראַכט אַהיים. ליגנדיק קראַנקערהייט אין בעט האָט זי מקיים געווען די מצווה פון אתרוג-בענטשן. איר שמחה איז דאָן געווען אין לשער. זי האָט זיך נאָר געזאָרגט וואָס זי וועט ניט קענען באַקן קיין חלה אויף יום-טוב, כדי מקיים צו זיין די מצווה פון להפריש חלה און מאַכן די ברכה, ווייל דאָס האָט זי קיינמאָל ניט פאַרפעלט און פלעגט שטענדיק פאַרטיילן חלות צו די פריינט אונזערע פאַר שבת ויום-טוב.

נאָך סוכות האָב איך איר ווידער גענומען אין שפּיטאָל. די לאַגע איז געוואָרן ערגער פון טאָג-צו-טאָג; אירע יסורים האָבן געקענט שפּאַלטן הימלען. קיין שום דראָגס האָבן מער ניט געהאָלפן, די מחלה האָט זיך פאַרשפּרייט אין די ביינער און אפילו דערגרייכט דעם מאַרך. זי האָט בלויז געבעטן, אַז השי"ת זאָל רחמנות האָבן אויף איר און צונעמען איר נשמה. איך האָב אַ סך נעכט גענעכטיקט לעבן שפּיטאָל און צוגעזען אירע שוידערלעכע יסורים. ס'איז שווער צו הערן, אַז אַ פריינט שטאַרבט; אַ ברודער — נאָך שווערער; אַ מאַמע אָדער אַ טאַטע גייט אַוועק פון דער וועלט איז גאָר שרעקלעך. אָבער אַז דאָס טייערסטע, דאָס איידלסטע; דיין הארץ און דיין קרוין פון קאָפּ, און אַזאַ גרויסע נשמה וואָס לאו כל אדם זוכה לכך, און דערצו נאָך צוזען ווי עס צאַנקט און גייט אוים ווי אַ ליכט — דאָס זיינען געווען פאַר מיר טעג פון שוידערלעכע איבערלעבונגען.

הרב הכולל פון ענגלאַנד, דר. עמנואל יאַקובאָוויץ, פלעגט איר אָפט באַזוכן. אַ וואָך פאַר איר פּטירה איז ער אַרויף מבקר-חולה זיין. נאָכן אויספרעגן ווי זי פילט, האָט זי אים קוים געענטפערט: „באו מים עד נפש". זייט מתפלל פאַר מיר, אפשר האָב איך נאָך אַ זכות אַז ג-ט זאָל צונעמען מיין נשמה.

אייניקע טעג פאַר דער פּטירה זאָגט זי צו מיר: האָסט שוין דעם קאָנטראַקט פאַר דעם קבר? זאָג איך צו איר: וואָס דאַרפסטו זאָרגן וועגן דעם? זיי געזונט! זאָג מיר דעם אמת — זאָגט זי — אויב ניט, שיק אַ טעלעגראַמע. איך האָב אַזוי געטאָן און געשיקט אַ טעלעגראַמע. דער קאָנטראַקט איז אָנגעקומען אין דעם טאָג פון איר שטאַרבן.

דעם לעצטן ערב שבת האָט זי ניט געוואָלט בענטשן ליכט, נאָר אויף דעם עלעקטרישן לאָמפּ איבער איר קאָפּ, זאָגנדיק אַז על־פּי־דין מעג מען דאָס, ווייל דאָס איז ספּעציעל פאַר איר; דאַקעגן איז אַ סכנה צו מאַכן פייער פון די ליכט, ווייל זי אָטעמט מיט אָקסידזשען. ביז אירע לעצטע מינוטן האָט זי ניט פאַרלוירן אירע הייליקע געדאַנקען און געווען פאַרבונדן מיט ג־ט און זיין תורה. איך בין געווען ביי איר פּטירה, ווען זי איז אויסגעגאַנגען שטיל, רואיק, באַפרייט פון די יסורים וואָס דער שרעקלעכער משחית האָט געטאָן צו איר. מיר איז געקומען אויפן געדאַנק וועגן מכת בכורות אין מצרים (שמות י״ב, פּסוק י״ג): „ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם לנגוף״. איין מאָל שטייט אין דער תורה „המשחית״ בהא הידיעה — ניטאָ קיין תרופה קעגן דער שרעקלעכער קראַנקהייט. ווי איז צו דעם, וואָס ווערט, חס ושלום, געשטראָפט מיט דער מחלה ומכה אשר לא כתובה בתורה.

י״ז כסלו, תשכ״ז איז זי נפטר געוואָרן אין שפּיטאָל. איך בין געווען איינגאַנצן צעבראָכן, אין בי מתום! אָבער דער געדאַנק, אַז איך וועל מקיים־זיין איר לעצטן וואונטש צו ברענגען איר על אדמת הקודש — אָט דער זכות האָט מיך געשטאַרקט.

אויף מאָרגן איז פאָרגעקומען די לוויה. עס איז געקומען אַ גרויסער עולם רבנים בני־תורה. דער הויפּט בעל־מספּיד איז געווען הרב הגאון ר׳ משה פיינשטיין שליט״א, אויך הרב הערשעל שעכטער, פּרעזידענט פון מזרחי־הפּועל המזרחי, און הרב דר. אברהם נושטיין, דער מרא דאתרא פון דער שול, מיט וועלכער מיר זיינען געווען פאַרבונדן לאַנגע יאָרן. די הזכרה איז געמאַכט געוואָרן פון הרב צבי ארי׳ טשייזין, פּרעזידענט פון מזרחי־סניף אין פּוירט עמבוי, נ. דזש (אגב איז ער געווען מוהל פון אונזער בן־יחיד חיים יצחק נ״י).

אין ארץ ישראל זיינען מיר אָנגעקומען מיט איר קערפּער דעם נעקסטן טאָג. די לוויה איז גלייך פאָרגעקומען ביינאַכט. אָבער דאָ האָט ממש פּאַסירט אַ נס. עס האָט אין ישראל ניט גערעגנט פאַר זעקס וואָכן, דווקא אין נאָרמאַלע יאָרן פון ימי הגשמים. אָבער ביים אַראָפּנעמען פון עראָפּלאַן איר גוף האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן גיסן באותו רגע אַ מבול ביזן קבר אין ירושלים, און ביי סתימת הגולל האָט אויפגעהערט. און דאַן, צוריקפאָרנדיק, ביז תל־אביב האָט ווי־

דער גערעגנט. דאָס זיינען געווען די גשמי ברכה וואָס די צדיקת האָט געבראַכט. אַזוי האָט מען גערעדט אין ישראל.

מיר זיינען געזעסן „שבעה" ביי מיין שוועסטער און שוואָגער, די אזרחי'ס, רחוב שלמה המלך אין תל־אביב. צו „שבעה" זיינען געווען אַרטיקלען אין „הצופה", און צו שלשים האָט ר' ארי' לייב געלמאַן, יו"ר פון מרכז העולמי של המזרחי, געווידמעט אַ ספּעציעלן מאמר לזכר נשמתה הטהורה אַלס באַגאַבטע שרייבערין, זשורנאַ־ליסטין און רעדנערין, און וואָס זי האָט אויפגעטאָן פאַר אונזער באַוועגונג.

∴

אויפן וועג צוריק אַהיים, זיצנדיק אין עראָפּלאַן, האָט מיין בן־יחיד זיך פונאַנדערגעוויינט: טאַטע, מיר זיינען געקומען דאָ דריי; מיר פאָרן צוריק נאָר צוויי. לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען. השי"ת זאָל מיר געבן געזונט און כח אים אויסצוהאָדעווען, האָבן פיל נחת און זוכה זיין צו זיין בר־מצווה ולגדלו לתורה ולחופה ולמעשים טובים. אויך צו דערלעבן דעם טאָג ווען איך וועל קענען אַרויסגעבן דאָס בוך גע־זאַמלטע שריפטן לזכר אשתי היקרה רוחמה־עלקע ע"ה.

אין בוך דערשיינט אויך אַ פּאָעמע פון מיין זון „ימי השבוע", וואָס ער האָט פאַרפאַסט זייענדיק אין פערטן קלאַס אין ישיבה אין פלעטבוש. די פּאָעמע איז שוין געווען געדרוקט אין „הצופה" אין אַ פאַרקירצטער פאָרם.

טייערע פריינט: לייענענדיק אירע לידער און פּאָעמעס וועט איר ערשט דאַן אָפּשאַצן און פאַרשטיין וואָס פאַר אַ גרויסע, איידעלע נשמה די שרייבערין האָט פאַרמאָגט. אירע טיפע, אמת'דיקע, האַר־ציקע ווערטער דרינגען אַרוים פון אַ פערזאָן מיט געפיל פאַר יעדן מענטשן, פאַר אונזער פאָלק און לאַנד. אין פאַראייביקן איר נאָמען וועל איך און מיין בן־יחיד געפינען אַ טרייסט.

כבוד איר אָנדענק!

אין טרויער פאַרבליבענער מאַן

שבתי הלוי כץ

לזכר עולם

למשפחתי היקרה שנקטפה באבי חייהם

•

אבי הגאון הצדיק הרב ר׳ **שמריהו** בן הרב ר׳ **חיים הלוי**, אב״ד ווייזון ליטא. יום פטירתו כ״ב אלול, תרע״ט.

אמי היקרה הרבנית **רבקה** בת הרב הגאון ר׳ **אליעזר דון ייחייא כלוצין**, בעל מחבר „אבן שתיה״. נהרגה ע״י הנאצים ימ״ש, ח׳ מרחשון, תש״א, ווייזון, ליטא.

אחי ר׳ **לייב נח** בן הרב ר׳ **שמריהו**. נהרג ע״י הנאצים הי״ד, ח׳ מרחשון, תש״א, ווייזון, ליטא.

אחי הקדוש הרב הגאון ר׳ **אהרן יצחק כץ**, אב״ד דפאלאנגין. נהרג על קידוש השם א׳ תמוז, תש״א, פאלאנגין, ליטא.

אשתי הראשונה הצדיקת **מאשא** בת ר׳ **מנחם מאן לוריע**, ווירבאלים, ליטא. נהרגה ע״י הנאצים הי״ד, א׳ טבת, תש״ד, במחנה הריכוז שטוטהאף.

בתי היחידה **שמריה**, נרצחה ע״י הנאצים ימ״ש הי״ד, ג׳ ניסן, תש״ד, בגיטו קובנה, ליטא.

חותני ר׳ **מנחם מאן לוריע**, חותנתי **פריידל** וגיסתי **חיה מינע** ע״ה. נהרגו ע״י הנאצים בחודש תשרי, תש״א.

חותני הרב ר׳ **אברהם יצחק** ב״ר **ישראל יאפין** ז״ל. נפטר כ״ט אדר, תשי״ב.

חותנתי **איטע רייזעל** בת ר׳ **אליהו צבי עפשטיין יאפין** ע״ה. נפטרה י״ח אייר, ל״ג בעומר, תשי״ט.

גיסתי **חיה מינא יאפין**, נפטרה י״ח אייר, ל״ג בעומר, תרפ״ט.

אשתי הצדיקת המהוללת במעשיה הטובים **רוחמה עלקה** ע״ה. נפטרה י״ז כסלו, תשכ״ז והובאה למנוחת עולמים בהר המנוחות בירושלים עיר הקודש.

בת דודי וגיסתי **שולמית כץ** ע"ה ובתה **דבורה** ע"ה, נהרגו בגיטו קובנה ח' חשון, תש"א.

מצד אבי שנהרגו מידי הנאצים ימ"ש

דודי הרב הגאון ר' **יוסף הלוי כץ** זצ"ל, אב"ד דגלובאקא, פוילין, בן הרב ר' **חיים הלוי כץ** דפומפיאן. נהרג ביחד עם משפחתו הי"ד.

דודי הרב הגאון ר' **משה יונה הלוי כץ** זצ"ל, אב"ד דסרעדניק, ליטא, בן הרב **חיים הלוי כץ**, אב"ד דפומפיאן.

דודי הרב הגאון ר' **מאיר הלוי כץ**, בן הרב ר' **חיים הלוי כץ**. נהרג ביחד עם משפחתו בסאלוק, ליטא, הי"ד.

דודתי הצדקנית מרת **פריידע כץ** ע"ה עם בעלה

שאר בשרי הרבנית **ברכה**, נהרגה ביחד עם בעלה הרב ד"ר **זלמן זלמנוביץ** זצ"ל, עם בתם **פנינה** ע"ה. נהרגו בווילנא.

דודתי הרבנית **גיטל כץ** עם בעלה הרב ר' **מאיר יצחק חייט**, אב"ד דפומ-יאן. נהרגו ביחד עם הילדים.

בת דודי הרבנית **ביילא כץ** ע"ה. נהרגה ביחד עם בעלה הרב הגאון ר' **זלמן אידל קארביז** זצ"ל, אב"ד דסרעדניק. נהרגו ביחד עם הילדים הי"ד.

מצד אמי שנהרגו מידי הנאצים ימ"ש

דודי הרב הגאון ר' **בן ציון דון יחייא** זצ"ל, אב"ד דלוצין, לאטביא, בן הרב הגאון הגדול ר' **אליעזר דון יחייא** זצ"ל, מחבר „אבן שתיה". נהרג ביחד עם כל המשפחה בלוצין, בשנת תש"א הי"ד.

דודתי הרבנית **אסתר** ע"ה. נהרגה ביחד עם בעלה הרב הגאון ר' **מנחם מענדעל נעהאמקין**, אב"ד דזילופא, לאטביה. נהרגו ביחד עם משפחתם הי"ד.

בן דודי הרב ר' **לייב נח כ"ץ**, נהרג בשנת תש"א עם יתר הרבנים הי"ד.

אָפּשאַצונגען וועגן דער נפטרת

קרן ארץ ישראל של המזרחי בע״מ

גדולה בהבנה ובידיעות

רוחמה־עלקע (אלישבע) כץ נפטרה בדמי־חייה, אבל היא השאירה אחריה חבילה גדולה של מעשים כבירים בצירוף ירושה רוחנית גדולה של מאמרים, שירים באנגלית ובעברית ורשימות ספרותיות שראוי לפרסמם, כי בהם משתקפת נשמתה העדינה בעלת כשרונות פוריים. מימי ילדותה ועד סוף ימיה היא התרכזה בענינים ספרותיים ותרבותיים שהעמידו אותה במדרגה עילאה שם לגדולי־רוח המחוננים בזכות הלב, במידות נעלות, ובמסירות בלתי מוגבלת אל הקנינים הרוחניים של היהדות.

אלישבע כץ היתה בעלת־השכלה כללית, מושרשת באהבה רבה אל קדשי האומה ותרבותה. היא היתה סינטזה של יהדות ואנושיות של דת ודעת. בדרך זו היא הלכה כל ימי חייה המעטים, היא הקדישה את עצמה לחיזוקם של החיים הרוחניים, הדתיים והלאומיים. כאשר היא קשרה את גורל חייה עם בעלה החביב, הרב ר׳ שבתי הלוי כץ שי׳, היא התאמצה בכל כוחותיה לפתח את ביתם למרכז של פעולות חשובות לטובת היהדות, ואת בנם היחידי, חיים יצחק, נ״י, הם חנכו באותו הרוח.

עוד בצעירותה היא נכנסה בהיכל הספרות והעתונות. היא היתה במשך כמה שנים כתבנית על הועידות השנתיות של המזרחי, ומזמן לזמן נתפרסמו ממנה רשימות מענינות הראויות לפירסום, ויישר כחו של בעלה היקר המשתדל עכשיו לפרסם את פרי רוחה ומיטב הגיונותיה ורשמותיה.

תהא נשמתה העדינה צרורה בצרור החיים של האומה!

אריה ליב גלמן
יושב ראש המרכז העולמי של המזרחי
והפועל המזרחי

הצופה בע"מ • עתון יומי
רחוב המסגר 66, תל־אביב

ר' שבתי יקר,

בכינוס שיריה ורשימותיה של רעייתך רוחמה-אלי־שבע, ע"ה, עשית נפש לאשה אצילה, כלילת-סגולות, שהביעה רגשותיה הדתיים-לאומיים בדברי-שיר. ברשי־מותיה יש ראייה טובה, חכמת-הלב והבעה רהוטה.

בשהותי בארה"ב היתה לי הזכות להכיר במקצת דמותה הנאה, אוצר של מידות תרומיות, בחינת „יקרה היא מפנינים וכל חפציך לא ישוו בה". בספר-הזכרון מדובבים את רוחה.

שלך ביקר,

ש. דון־יחייא, עורך

אליס יאפין־כץ, ע״ה

פאר יאָרען לאַנג האָט אַליס יאַפין־כץ פאַרנומען אַ בכבודיגען פּאָסטען אין דער אַדמיניסטראַציע פונעם „מאָרגען זשורנאַל״ איידער ער איז פאַראייניגט געוואָרען מיטן „טאָג״ אונטערן נאָמען „טאָג־מאָר־גען זשורנאַל״.

אַליין אַ שרייבערין פון לידער פון באַדייטענדיגען טאַלאַנט, האָט אַליס יאפין פון צייט צו צייט געדרוקט לידער אין „מאָרגען זשורנאַל״, וואָס האָבען אויסגעדריקט איר פּאָעטישען געמיט.

אין אַ גאָר גרויסער מאָס איז אַליס יאַפין, אַלס אומפאַרהייראַטע, און דאַן אַלס יאַפין־כץ פאַרהייראַטע, די פרוי פון הרב שבתי כץ, געווען אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין, אַפּגעבענדיג פיל צייט צו אַ רייע אינסטי־טוציעס אין וועלכע זי איז געווען אַקטיוו, באַזונדערס אין דער מזרחי־הפועל המזרחי באַוועגונג, צו וועלכער זי האָט ממש געווידמעט איר לעבען.

איבערלאָזענדיג אַ מאַן, הרב שבתי כץ און אַ זון, איז די פאַר־שטאָרבענע געקומען צו קבורה אין ירושלים, אונטערשטרייכענדיג מיט דעם איר ליבע און צובונד צום הייליגען לאַנד. ערע איר אַנדענקען.

ד. ל. מעקלער
רעדאַקטאָר פון „טאָג־מאָרגען זשורנאַל״

זכרון להולכים

רוחמה־אלקה כץ ע״ה

●

רוחמה־אלקה כץ, בת איטה־רייזל והרב אברהם־יצחק יאפין ז״ל, שהיה ידוע בשם „פטרוביצר עילוי״, הגיעה לאמריקה עם הוריה ובני ביתם בהיותה ילדה קטנה.

באמריקה קיבלה את חינוכה והשכלתה האוניברסיטאית. למדה משפטים וכלכלה ואחר־כך השתלמה בשפות ועתונאות. עוד בגיל צעיר התחילה לכתוב פואימות ושירים, שרבים מהם נתפרסמו בעתו־נות. היא עבדה הרבה שנים בעתון היומי „מארגן זשורנאל״. היא השתייכה ל„פועל המזרחי״ והיתה כתבת התנועה. היא היתה גם בין מייסדי „בית יעקב״ — ישיבה לבנות בברייטון וכמו־כן בין מייסדי ארגון „ישראל הצעיר״ באמריקה. היתה ידועה בכנוייה הספרותית: אלישבע יאפין.

היתה מחוננת במידות טובות ותרומיות, ביתה פתוח לרווחה לכל נדכא ומר־נפש ובה מצאו נוחם ועידוד. הצטיינה במוחה החריף ושכלה הישר והיתה חדורה רוח דתית עמוקה, דקדקה במצוה קלה כבחמורה עד יומה האחרון.

נפטרה בניו־יורק אחרי מחלה ממארת והובאה למנוחת עולמים בהר המנוחות בירושלים ביום חמישי, י״ח בכסלו. השאירה בעל, הרב שבתי כ״ץ, מנהל המזרחי והפועל המזרחי במדינות ניו־ג׳ורסי, קונטיקוט, ובן יחיד.

יהי זכרה ברוך.

גיסתה: **תקוה כץ־אזרחי**

ת. אזרחי

בעלת כוחות נפשיים נדירים

המבקרים בביתה בימי מחלתה, או המבקרים אותה בבית החו־לים, היו יוצאים מלאי הערצה והשתוממות על כחותיה הנפשיים הנדי־רים, כיצד מצאה היא, החולה והסובלת, דברי הומור ועדוד, מבלי להתאונן ולהתרעם על מר גורלה!

כתב אלינו קרוב שבקר אותה בבית החולים כשבועיים לפני מותה — „מצבה של אלישבע לא טוב", אך היא כרגיל מתלוצצת ומספרת כאילו לא היא החולה המסוכנת.

על שאלת בעלה, יבדל לחיים, כיצד יכולה היא לשאת את יסוריה בשלוה נפשית כזאת — ענתה: כשתוקפים אותה כאבים חזקים, היא חושבת על הענויים שעבר הוא במחנות הנאצים ואז נראים לה יסוריה כאין וכאפס לעומת יסורי התופת בהם הוא התנסה! לתעצומות נפש כה נשגבית לאו כל אדם זוכה!

ביום הכפורים האחרון, עת שכבה על ערש דוי בבית החולים, היא קדשה ממש את שם שמים ברבים. היא הצליחה לשכנע את צוות הרופאים שטפלו בה, שירשו לה לצום ביום הכפורים ולא לקחת תרו־פות ולא לקבל שום טפולים, וכשרשות זו נתנה לה, הושיבוה לפי בקשתה על כסא גלגלים (ללכת כבר לא יכלה) ועברה בין כל החולות והודיעה להן שבליל יום כפור תתקיים תפלה. בהיותה שעונה על כסא גלגלים שמשה היא שליח־צבור והתפללה תפילת „כל נדרי" ואת יתר התפילות, כן עשתה גם למחרת, צמה והתפללה כשליח־צבור את כל תפילות היום הקדוש לכל החולים.

(„הצופה", י"ט טבת, תשכ"ז)

רוחמה כץ, ע״ה

רוחמה-אלישבע כץ, די פרוי פון הרב שבתי כץ נ״י, דער אומדערמידלעכער אָרגאַניזאַציע-דירעקטאָר פון מזרחי-הפועל המזרחי, איז געקומען קיין אַמעריקע אַלס קליין קינד. איר פֿאָטער איז געווען הרב יצחק יאַפּין, באַוואוסט אַלס דער „פּעטראָוויצער עילוי״.

אַלים האָט, פֿאַרשטייט זיך, באַקומען אַ גרינטלעכע אידיש-רעליגיעזע דערציאונג, און האָט שפּעטער שטודירט אין אוניווערזיטעט, וואו זי האָט אויפגענומען ליטעראַטור און געשיכטע. אָבער ניט קוקנדיק וואָס זי איז געווען איינגעוואָרצלט אין אַמעריקאַנער לעבן, איז זי בלב ונפש געווען צוגעבונדן צו אידישקייט.

אַלים איז געווען באַשאָנקען מיט מידות טובות. זי איז געווען גוטהאַרציק, איידל, קלוג און אינטעליגענט. זי איז געווען אַ וואונדערלעכע קאָמבינאַציע פון אַ מאָדערנער פרוי און אַ טיפע מאמינה. אין אירע מעשים און אין איר שטייגער לעבן האָט זי באַוויזן, אַז עס איז ניטאָ קיין סתירה צווישן בילדונג און אמונה, ווייל אין איר זיינעןביידע זאַכן געווען האַרמאָניש פאַראייניקט.

אין משך פון פילע יאָרן האָט זי מיטגעאַרבעט אין „מאָרגן זשורנאַל״, און האָט פאַרעפנטלעכט לידער אין „אַמעריקאַנער״. זי איז געווען אַקטיוו אין הפועל המזרחי און האָט באַריכטעט אין „מאָרגן-זשורנאַל״ די קאָנווענשאָנס פון דער אָרגאַניזאַציע.

מיט ניינצן יאָר צוריק האָט אַלים חתונה געהאַט מיט הרב שבתי כץ, דער זון פון הרב שמריהו הלוי זצ״ל, פון וויזון, ליטע, און זינט דאַן האָט זי זיך קאָנצענטרירט אויף בויען אַ שטוב אין גייסט פון תורה. איר הויז איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַמעריקאַנער אידישע מיידלעך. זי און איר איבערגעגעבענער מאַן האָבן מחנך געווען זייער געראָטענעם בן-יחיד, חיים-יצחק, אין גייסט פון תורה-אידישקייט און האָט געהאָפט צו דערלעבן נחת פון אים. אָבער דאָ איז געקומען דער בראָך, און זי איז ערנסט קראַנק געוואָרן. נאָך אַ יאָר פון באַהאַנדלונג אין שפּיטאָלן, איז איר לעבנס-געזאַנג פאַרשטומט געוואָרן. איר מאַן און דאָס קינד זיינען געשטאַנען הילפלאָז ביי איר בעט ווען זי האָט

אויסגעהויכט איר ריינע נשמה. זיי האָבן איר אויך שפּעטער באַגלייט און געבראַכט צו קבורה אין ירושלים עיר הקודש.

זי איז געווען איינע פון די גרינדערינס פון „בית יעקב״, אַ ישיבה פאַר מיידלעך, אין ברייטאָן ביטש געגנט פון ברוקלין. מיט יאָרן פריער איז זי אויך געווען אַ מיטגרינדערין פון „יאַנג איזראַעל״.

איר שרעקלעכע קראַנקהייט האָט זי דורכגעמאַכט מיט זעלטע־נעם מוט און גלויבן, און האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף איר גורל. לעצטן יום־הקדוש, ווען זי האָט שוין מער ניט געקענט באַוועגן אירע פיס און איז געזעסן אין אַ באַוועגלעכן שטול, האָט זי פּשוט מקדש־השם געווען מיט איר האַלטונג. זי האָט איבערצייגט די דאָק־טוירים פון שפּיטאָל מען זאָל איר דעם טאָג ניט „באַלעסטיקן״ מיט באַהאַנדלונג און מען זאָל איר דערלויבן צו פאַסטן. זי איז דאַן „אַרומ־געפאָרן״ אויפן שטול צווישן די קראַנקע פרויען און זיי געמאָלדן, אַז אַזוי ווי אין אָוונט איז יום־הקדוש, זאָל מען דאַווענען צוזאַמען. זי איז טאַקע געווען די שליחת־ציבור און מתפלל געווען „כל נדרי״ און די אַנדערע תפילות. אויך אויף מאָרגן האָט זי געפאַסט אַ גאַנצן טאָג און געדאַוונט מיט די פרויען די תפילות פון הייליקן טאָג.

תהא נשמתה צרורה בצרור החיים.

(„דער מזרחי־וועג״, אדר א׳־אדר ב׳, תשכ״ז)

א. ל. גלמן:

אלישבע כץ, ע״ה

(לשלושים)

בניו־יורק רבתי, באחת השכונות המהודרות, הלכה לעולמה אשה צעירה חשובה רוחמה־עלקע אלישבע כץ, לבית יאפין, רעיתו של רבי שבתי כץ שי׳, מנהל המדור לארגון של התנועה הדתית־לאומית באמ־ריקה, ועפ״י צוואתה הביאו את ארונה תיכף אחרי פטירתה לירושלים, ומצאה את מנוחתה בהר המנוחות, בהשתתפות בעלה המסור, ביחד עם בנם היחיד שליוו את הארון. בהלויה השתתפו כל קרובי המשפחה ומכיריה מאמריקה.

הנפטרת אלישבע ע״ה הגרה לאמריקה בהיותה ילדה קטנה, ביחד עם הוריה וב״ב. שמה היא קיבלה את חינוכה הדתי־תורני בבתי הת״ת בשכונה, ואחרי כן ביקרה את ביה״ס התיכון והאוניבר־סיטה ששם התרכזה בלימודים כללים ביחוד בספרות ובהיסטוריה. עפ״י חינוכה בבתי־הספר האמריקאים היתה מעורה בכל השקפותיה בחיים הכלליים, ולמרות זה היא נשארה אשה דתית־לאומית בכל לבה ונפשה. היא היתה מחוננת בנדיבות־לב, באצילות־הרוח, פקחית ומשכלת, ומסורה בכל הקנינים־החברתיים. היא היתה מזיגה נפלאה של אשה מתקדמת, ויחד עם זה מאמינה גדולה בכל קדשי־האומה. במעשיה ודרכיה הוכיחה שאין סתירה בין השכלה ואמונה, כי היא איחדה והשלימה את שתיהם.

שנים רבות עבדה בעתונים היהודיים בניו־יורק, והיתה פעילה בסניפים של הפועל־המזרחי. גם יצגה את העתונות בוועידות יהודיות, וביחוד של הפועל המזרחי. מזמן לזמן כתבה גם שירים וסיפורים שונים.

לפני תשע־עשרה שנה היא באה בברית הנישואין עם בחיר לבה רבי שבתי כץ, בן הרב שמריהו הלוי זצ״ל, מוויזון, ליטא, ומאז ריכזה את פעולותיה הברוכות בשביל ביתה ברוח התורה והמסורה. ביתה היה למופת בשביל צעירות יהודיות אמריקאיות. את בנם היחידי

חיים־יצחק שליט"א היא חינכה וגידלה, ביחד עם בעלה, ברוח היהדות הטהורה — וקיוותה לראות בו נחת ואושר גדול, אבל לפתע פתאום קרה אסון גדול. היא חלתה במחלה רצינית, ואחרי שנה של טיפולים בבית־חולים, ניתק פתיל חייה המרובים והמגוונים בפעולות חשובות. בעלה ובנה עמדו סביב מטתה בזמן הפטירה, ואחרי־כן הביאו את גופתה הטהורה לרושלים עיר הקודש. מחלתה ופטירתה עוררה צער עמוק ויגון כואב בלב כל ידידיה ומכיריה.

יהא זכרה ברוך!

(„הצופה", י"ט טבת, תשכ"ז)

צייט־בּואַטיון

יאָרן

עס פלעכטן זיך רינגלעך פון יאָרן,
פון איינס און פון צוויי און פון דריי;
און קוים הויבסטו אויף דיינע אויגן —
די קינדהייט איז באַלד שוין פאַרביי.

עס פלעכטן זיך רינגען פון יאָרן,
פון צען און פון צוואַנציק און נאָך;
און קוים האָסטו צייט צו באַטראַכטן —
פון עלטער דו פילסט שוין דעם יאָך.

עס פלעכטן זיך קייטן פון יאָרן,
פון דרייסיק ביז זעכציק און מער;
די קינדהייט, די יוגנט, די עלטער —
פאַרשלונגען ווערט אַלץ מיט אַ טרער.

עס יאָגן זיך שטונדן

עס יאָגן זיך שטונדן,
עס פליען די טעג;
שטופּן זיך יאָרן
אין ווילדן געיעג.

עס פלעכטן זיך פעדים
פון ווייס און פון גרוי;
עס ציען זיך וואָלקנס
אויף הימלען העל־בלוי.

נישטאָ מער דער נעכטן,
עס צאַנקט שוין דער היינט;
דער מאָרגן — צי קומט ער
אין גאַנצן, מיין פריינט?...

טאָ פיל־אָן מיט פרייד
און מיט ליבע דיין כוס;
די שטונדן זיי קלאַפּן —
זיי גייען באַלד אויס...

לעבנס־שפּיל

שלינגען שטונדן איינס דאָס צווייטע,
און דעם טאָג פאַרשלינגט דער תהום;
נעכטן, היינט און אויך דער מאָרגן —
אַלץ דאָס זעלבע, אַלץ איין טרוים.

בלויז אַ שפּיל־פּלאַץ איז דאָס לעבן,
שפּילן יאָרן דאָרט און טעג;
אָט זיי קומען, און באַלד אַנטרינען —
אָן אַן אויפהער, אָן אַ ברעג.

און דער מענטש איז בלויז אַ שפּילכל
אין דעם ווירוואַר פון נאַטור:
אָט באַגליקט זי, באַלד באַטריגט זי,
און פאַרניכטעט יעדן שפּור.

באַלד שווימט אויף פאַר מיר אַ פראַגע,
און דעם ענטפער איך דערפיל;
אויב דאָס לעבן איז אַ שפּילכל,
האָט דאָס שפּילכל אויך אַ ציל.

רוחמה־עלקע יאפין־כץ

בין איך מיר אַ מיידעלע

(געזונגען מיטן מאָטיוו „בין איך מיר אַ חלוצ׳ל")

בין איך מיר אַ מיידעלע, אַ גרינינקע פון פּוילן —
קום איך קיין אַמעריקע צו אַ באַי אַ וואוילן.

מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פּוילן,
וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...

געקומען בין איך קיין ניו־יאָרק — אַ שטעטל אַ מחיה! —
און בענטש דעם ליבן ג־ט פאַרן לאַנד דאָס פרייע.

מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פּוילן,
וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...

אָפּגעוועזן צוויי וואָכן ביים אָנקל ביי דעם רייכן,
און מען הויבט מיר אָן צו פרעגן שוין: ווי טומטו אַמעריקע גלייכן? —

מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פּוילן,
וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...

מען זאָגט מיר מיט אַ שמייכעלע: דאַרפסט זיך גיין אויסגרינען,
און אין ערנסט מיינט מען עס: גיי זיך דיר פאַרדינען...

מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פּוילן,
וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...

איך לויף אַרום פון שאַפּ צו שאַפּ, איך לויף אַרום אָן זינען,
נאָר ווייל איך בין אַ גרינינקע, קען איך קיין דזשאַב געפינען...

מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פּוילן,
וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...

געפונען ענדלעך ביי אַ קרוב — ממש גאָר אַ גליק!
פאַרדין אַ וואָך פינף דאָלאַר קוים, און אַרבעט מיר פון שטיק...

מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פוילן,
וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...

איך הויב זיך אָן אויסגרינען, איך זאָג שוין „שור", „גוט נאַיט".
מען זאָגט מיר: ביזט שוין אין אַמעריקע „אָל ראַיט"...

מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פוילן,
וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...

כ׳באַקען זיך מיט אַ בחור׳ל, אַן איסט בראָדווייער פראַנט —
ער מאַכט מיר קאָמפּלימענטן פיל און בעט שוין גאָר מיין האַנט...

מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פוילן,
וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...

ווילסטו זיין אַ ליידי דאָ, אַ בחור צו געפעלן —
טאָ זאָלסטו „פּיינט און פּוידער" קיינמאָל ניט פאַרפעלן...

מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פוילן,
וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...

איך הויב שוין אָן „אויסצוגיין", מיט מזל און מיט ברכה —
אַ דימענט-רינגל בלישטשעט שוין — אַן אמת׳ע הצלחה!...

מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פוילן,
וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...

מיר גייען אוים און גייען אוים, און אַז איך פרעג: ביז וואַנען?
זאָגט ער מיט אַ שמייכעלע: מיר וועלן ניט פאַרזאַמען...

מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פוילן,
וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...

אַך, אין דעם לאַנד, דעם טייערן, פון אַלע פאַרגעניגנס —
דאָס היילקסטע, דאָס הערלעכסטע קענט איר דאָ ניט קריגן...

וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...
מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פוילן,

אַט די ליבע רייניקע, אַט דאָס וואָרע לעבן —
דאָס וועט דאָך אייך פאַר קיין פאַל „אַנקל סעם" ניט געבן...

מיידעלעך, איר מיידעלעך, גרינינקע פון פוילן,
וואָס עס איז אַמעריקע, וועל איך אייך דערציילן...

ווי דער שיקזאַל פון מיין פאָלק

איז שוין די זון פון מיין לעבן פאַרגאַנגען,
און בלויז שטערנדלעך קליינע באַלייכטן מיין וועג ?
צי האָט שוין דער וואָלקן פון קימער
פאַרנעפּלט די שטראַלנדע טעג ?

צי מוז איך שוין איצט אין מיין יוגנט
טראָגן פון עלטער אַ לאַסט ?
ליידן פון אור־אַלטע דורות
טיף אין מיין האַרץ איינגעפּאַסט ?

צי וועט דער הימל דער גרויער
זיך לייטערן ווידער אַמאָל ?
שטראָמען פון פרייד און פון פרייהייט
זיך טראָגן אָן אויפהער, אָן צאָל ?

דערוויַיל איז דער היינט ווי דער נעכטן,
דער מאָרגן... צי וועט ער גאָר קומען ?
איך וואַנדער דערוויַיל צווישן דערנער
און חלום נאָך אַלץ וועגן בלומען...

דאָס לעבן

אַ טאָג פון מי, אַ שטונדע פריי ;
אַ בוך אַ פריינט —
די צייט ז׳פאַרביי.

אַ בוים, אַ בלום, עס גרינט דער וואַלד ;
אַ לאַך, אַ וואונק — און זומער באַלד.

אַ פונק דערוואַכט, די יוגנט גליט ;
דאָס האַרץ פאַרשמאַכט — מיט ליבע גליט.

די זון שטראַלט אויף,
די וועלט באַצירט ;
דאַן ווינטער קומט —
און אַלץ פאַרפרירט.

דער יוגנטס טרוים, פון פרייד דער כוס ;
דער פאָרהאַנג פאַלט — דאָס לעבן ז׳אויס.

נאַכט

1

נאַכט, אין שטילן דרימל,
ליגט די וועלט פאַרוויגט;
מיט שווארצקייט פון די שאָטנס
האָט די נאַכט דעם טאָג באזיגט.

2

מידע אויגן צוגעשלאָסן,
מידע זעלן שוועבן אין רו;
ערגעץ־וואו עס קלאַפּט א זייגער
און די שטונדן רוקן זיך צו.

3

עס לעשן זיך די שטערן לאַנגזאַם,
די לבנה באַלד פאַרשווינדט;
קוקט דער הימל אוים פאַרלאָזן
ווי אַן אָרעם, עלנט קינד.

4

שלאָף, דו וועלט, און שפּין חלומות,
לאַנג עס דויערט נישט דיין רו;
באַלד קומט ווידער דער פרימאָרגן
און ער נעמט עס פון דיר צו.

יאוש

אין דער טונקלקייט פון אָוונט
צאַנקט אַ ליכטל אין אַ צימער,
זיצט אַ מיידל דאָרט ביים פענצטער
פול מיט יאוש און מיט קימער.

ווי די וואָלקנס פון דעם הימל
איז איר פנים אויך פאַרצויגן;
ווי די טראָפנס פון דעם רעגן
פליסן טרערן פון די אויגן.

ווי דער שטורעם צווישןביימער
יאָמערט אויך ביי איר אין הארצן;
אַזש צום הימל טומ זיך רייסן
איר פאַרצווייפלונג, אירע שמערצן.

און אין צימער וואקסן שאָטנס,
סודות טיפע זיי פאַרצאַמען;
און די מיידל, ווי דאָס ליכטל,
צאַנקען ביידע דאָרט צוזאַמען.

דער עלנטער

עלנט, געבויגן, פון לעבן פאַרשטויסן,
וואַנדערט ער איינזאַם אַרום;
אויגן — צוויי קברים מיט סודות באַגראָבן —
געפּייניקט, געיאָגט אומעטום.

עס האָט אים, ווי יעדן, אַ מוטער געבוירן,
געצערטלט מיט ליבשאַפט איר קינד;
געשפּייזט איר בן־יחיד מיט מילך פון איר האַרצן —
די מאַמע, וואו איז זי אַצינד?

שטיל ביי אַ קבר, געבויגן אין דרייען,
שוואַרץ ווי די וואָלקנס פון נאַכט,
שטייט ער אָן עלנטער, וויינט פאַר זיין מאַמען,
וואָס דער שיקזאַל פון אים האָט געמאַכט.

בלויז נאָר די שטילקייט, די נאַכט און די קברים,
פאַרנעמען זיין טרויער און קלאָג;
ער שטייט און ער צעגערט, וואוהין זיך צו קערן —
עס קומט דאָך שוין באַלד אָן דער טאָג.

געפאַלן איז ער צו דער ערד אין פאַרצווייפלונג,
אַזש צום הימל געיאָמערט זיין נויט;
געבעטן האָט ער כאָטש אַ פּלאַץ אינעם קבר,
אַ מתנה געבעטן — דעם טויט!

עס גרינט שוין דער וואַלד

עס גרינט שוין דער וואַלד און דיביימער,
עס יובל'ט מיט טענץ און מיט פרייד ;
די פעלדער, די פייגלען, די בלומען —
באַצירט מיט אַ פאַרברייכער קלייד.

דער פרילינג באַגלייט פון געזאַנגען,
פון ליבע און שטראַלענדן חן ;
האָפענונג, בענקשאַפט, פאַרלאַנגען —
דערוועקט ער אין גרויס און אין קליין.

דעם פרילינג, וואָס צערטלט מיט כישוף,
פאַרנעם איך מיט אומעט און באַנג ;
ווייל אין הארצן ביי מיר איז נאָך ווינטער —
און גאָט אַליין ווייס אויף ווי לאַנג.

רוקט זיך דער זומער

רוקט זיך דער זומער פּאַמעלעך אַוועק,
בלייבן בלויז שאָטנס פון ליכטיקע טעג;
די זוניקע הימלען, די פאַרבן פון בלום —
אַ נעפּל צעשפּרייט אומעטום.

צעפלויגן די פייגלען, פאַר׳יתום׳ט דער בוים,
פאַרבליבן פון אַלץ אַן אילוזיע, אַ טרוים;
עס פּילט זיך אין האַרצן אי בענקשאַפט, אי שרעק,
ניט אַלץ קומט צוריק וואָס אַוועק...

זעגנט זיך צויבער און זינקט באַלד אין תהום,
„פאַטאַמאָרגאַנאַ", ס׳גלויבט זיך קוים.
אין שוים פונעם לעבן פאַרהילט איז דער טויט,
אין בעכער פון פרייד שווימען טראָפּנס פון נויט.

רוחמה־עלקע יאפין־כץ

די פיר סעזאָנען

ווינטער פרייט מיין הארץ אָממערסטן,
כאָטש עס שפּראָצן דאָן קיין בלומען;
ווייל דער ווינטער ברענגט די האָפענונג,
אַז דער פרילינג דאַרף נאָך קומען.

קומט דער פרילינג מיט דערוואַכונג,
יוגנטס טרוימען שפינט זיך ווידער;
הילכיק לאַכט שוין אָבער זומער
און פאַרטויבט די פרילינגס-לידער.

פלינק, פאַר׳כישופ׳ט שפרייזט דער זומער,
און באַגליקט די וועלט מיט ליבע;
קוים צעשפרייט ער זיינע חנ׳ען —
קומען אָן די טעג די טריבע.

אויך דער הערבסט זיין חוב קומט מאָנען,
און פאַרוועלקט אַלץ מיט אַ געלקייט;
שוואַרץ פאַרשלייערט ער די הימלען
פון דער זילבער בלויער העלקייט.

וואָס-זשע קען מען איצט דערוואַרטן,
ווען דער ווינטער נעמט שוין ברומען?
יאָ, עס בלייבט דאָך די האָפענונג,
אַז דער פרילינג דאַרף נאָך קומען.

ערגעץ־וואו

ערגעץ־וואו, אַ בערגעלע פאַרשאָטן,
רוט אַ העלד, געפאַלן אין דעם שטרייט;
אין אַ פרעמדן לאַנד זיין קבר —
פון זיין היים און ליבסטע ווייט.

יונג און פריש איז אָט דער קבר,
ווי דער העלד וואָס רוט דערין;
האַרבסט פאַרשלונגען האָט דעם פרילינג,
ווי דער רויזן־טוי — די בין.

טיפע ימים, לאַנגע מיילן,
טיילן אָפּ זיין טויט פון לעבן;
נאָענט בלייבט אָבער אין האַרצן
דער קרבן וואָס ער האָט געגעבן.

רוחמה־עלקע יאפין־כץ

שיקזאַל

איינזאַמע פעלדער, פאַר׳יתומ׳ט,
קיין בליאונג באַצירט זייער ברוסט;
קיין שניטער, קיין פרוכט, קיין געזאַנגען —
אָרעם, פאַרטריקנט און פוסט.

איינזאַמע וועלדער, פאַרלאָזן,
קיין פויגל, קיין נעסט, קיין געזאַנג;
עלנטע קרעכצן די צווייגן —
אַ טרויער באַגלייט יעדן קלאַנג.

איינזאַמע מענטשן, פאַרטריבן
פון לעבן, פון ליבע, פון גליק;
קיין האַנט איז ניטאָ זיי צו צערטלען —
קיין שטימע צו רופן צוריק.

דער שיקזאַל פון יעדן באַזונדער
ווערט הויך אין די הימלען באַשערט;
די פרייד און די ליבע פון לעבן —
פון מענטשן אַליין ווערט צעשטערט.

דער זיג פון אַרבעט

מחנות קומען, מחנות גייען,
אָט אַזוי ווי טעג און יאָרן;
שטאָלץ און מוט באַהערשט די רייען,
קיינער גייט דאָרט נישט געבויגן.

גייען מחנות, ברעכן וועלטן,
ברעכן זיי און בויען;
קוקט די וועלט מיט שטאַרע אויגן —
קוקט און ציטערט זיי צו טרויען.

ערגעץ וואו עס הערן זיך קלאַנגען,
וועקן זיי דעם מח;
וואַקסן גרעסער אָט די מחנות —
וואַקסט אויך זייער כח.

און די מענטשהייט לעכצט נאָך פרידן,
איבער נאַכט דער רויער;
שליסט זיך ענגער אין די רייען —
זייט אַליין די בויער!

ניו־יאָרק

העל באַלויכטן זיינען דיינע גאַסן,
רייך און פינקלדיק און שיין;
און צווישן דיין געלעכטער
דרינגט אויך דורך אַ שטיל געוויין.

העל באַלויכטן זיינען דיינע גאַסן,
און דו טאַנצסט פאַר פרייד;
ערגעץ־וואו איז אָבער פינצטער —
עלנט, פיין און לייד.

מיט מיליאָנען אויגן קוקסטו
אויף דער ברייטער, רייכער גאַס;
וואַרף כאָטש איינעם פון די בליקן
וואו ס׳איז חושך, קאַלט און נאַס.

אָ, ניו־יאָרק, דיינע אויגן לייכטן,
דאָך ביזטו ווי בלינד;
עפּעס טוסטו נישט באַמערקן
גרויסע אומרעכט, גרויסע זינד.

ווען אין שיין פון דיינע ליכטער
שפּילט אָרקעסטער, גיסט זיך וויין;
דאַן אין נעפּל פון דיין שאָטן
גייען מאַנכע אוים פון פּיין.

אָ, ניו־יאָרק, עפן ברייטער
דיינע אויגן און באַטראַכט;
אַלע די וואָס שקלאַפן, שמאַכן
פון פרימאָרגנס ביז צונאַכט.

אַלע די וואָס טוען לעכצן
נאָך גערעכטיקייט, נאָך ברויט ;
די וואָס ווילן ליכט און לעבן —
און זיי שמאַכטן ביזן טויט.

אָ, ניו־יאָרק, שיינסט שוין צופיל
מיט דיין צויבער, מיט דיין פּראַכט ;
מיט בייטאָגיקע פּראָפיטן —
מיט לעבן פול ביינאַכט.

ווייסטו דען אַז אין ליכט פון דיינע אויגן
גלאַנצט אַדורך אַ טרער ?
פון דיין ווילדן, הילכיק טאַנצן
לאָזט אַ קרעכץ זיך פאַלן שווער ?

אָט דער זיפץ און אָט די טרערן
זאָלן זיי דיין שומר זיין ;
אַז צום אָפּגרונט זאָלסט נישט זינקען,
און גלייכהייט זאָל פאַר יעדן זיין.

אידישע בּאָסטיון

דער רבי

א אינגעלע בין איך א קליינער,
און אין חדר מוז איך גיין ;
דער רבי, ער שלאָגט מיר כסדר —
אַזש ס'טוט מיר ווײ יעדער ביין.

דער רבי, ער וויל נישט פאַרשטיין גאָר,
אַז נאַטור איז פּרעכטיק און שיין ;
עס ווילט זיך מיר גיין גאָר שפּילן,
אָבער קיינער וויל מיר נישט פאַרשטיין.

דער רבי, ער בייזערט און שעלט זיך,
מיין קינדערשע וועלט ער פאַרשטערט ;
דער רבי, ער וויל — אוי, איך שווער —
אַז אַ איד זאָל איך זיין פּונקט ווי ער.

ביים משניות

נאָך אַ טאָג פון מידער אַרבעט
זיצט מיין פאָטער ביים משניות;
מיט אַ שטערן פול מיט קנייטשן,
מיט אַ פנים האַלב אין כעס.

און איך זע אין זיינע אויגן
פלאַקערט אויף אַ פייער,
ווען ער בלאָנדזשעט איבער שורות
וואָס אים איז אַזוי טייער.

טיף פאַרזונקען אין זיין וועלטל,
וואָס איז פול מיט צוימען;
קרעכצט ער אוים אַ שטילן ניגון
וואָס דערוועקט ביי יוגנט טרוימען.

באַלד פאַנגט אָן אַ זיסער דרימל
זיינע אויגן צערטלען;
דאַן פאַרמאַכט זיך גלייך דער ספר,
און ער הערט זיך אויף צו ווערטלען.

דאַן אין שלאָף אין מידן
און אין זיסן טרוימען,
דערזעט ער זיינע קינדער
און טוט זיי סודות רוימען.

פון אַ וועלט אָן אַלטער,
וואָס איז פול מיט זיילען;
וואָס צעברעכן דאַרף מען
קיינמאָל זיך נישט איילן.

דורות לאַנג געלערנט,
דורות לאַנג געליטן;
פון דעם וועג דעם אַלטן —
זיך קיינמאָל נישט פאַרשניטן.

היינט אָבער איז שרעקלעך:
דער ים ער ברויזט מיט צאָרן,
און רייסט אַוועק די קינדער
צו דעם דעם וועג פון דאָרן.

דאָ איז ער שוין טאַכטלאָז
אַנטקעגן אָט די בערן;
און קלאָגט איבערן ספר:
„וואָס קען פון זיי נאָך ווערן?"

די נאַכט פאַרשווינדט אין טרוימען,
דער טאָג קומט אָן מיט לעבן;
און אין געיעג פון זיינע וואָלן
טוט מיין פאָטער זיך אָפּגעבן.

דאַן פאַרשווינדט שוין אַלץ,
אַ וועלט פון יאָך דערזעט ער;
ער קען איצט זיינע קינדער
נישט פרעגן וואו עס גייט ווער.

און ווען די נאַכט קומט ווידער
און ער נעמט זיך צום משניות,
דאַן שטראַלן אויפדאָסניי אויף
די קנייטשן מיטן כעס.

כל־נדרי

ציען זיך אור־אַלטע טענער,
וועקן דאָס האַרץ און דעם מח ;
כל־נדרי — אָט דער ניגון —
באַזעלט מיט אַ געטלעכן כח.

פלאַטערן שניי־ווייסע פליגלען,
שוועבן אין הימלישע ספערן ;
לייטערט זיך גוף און נשמה
אין ים פון עקסטאַז און טרערן.

אַ טייל פון אונזער יוגנט

ס׳ציט אונזער יוגנט צו פרעמדע,
צו פאַרנעמען דאָרט דעם אויבנאָן;
קניען אין די פרעמדע טעמפלען —
דינען צו אַ פרעמדער פאָן.

ווי הויך פאַררעטעריש זיי האַנדלען
קעגן זיך אַליין;
יעדן פאָלק גרייט צו דינען,
פאַרלאָזן ס׳אייגענע געביין.

קלאַפּן, רוישן מיט די פושקעס,
בעטן ממש מיט געוויין:
נישט פאַר „פאַלעסטיין״, חלילה,
נאָר פאַר „טשאַינאַ״ אָדער „ספּעין״.

וואָס־זשע טראַכט זיך אָט־די יוגנט,
ס׳וועט איר אָפּגיין אַזוי גלאַט?
ווען מען שלאָגט דעם אידן —
פרעגט מען קיין „אַטעסטאַט״.

דער שונא וויל נישט אונטערשיידן
פון אַ חלוץ ביז „קאָמסאָמאָל״;
